LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן



n°109
novembre 2006
2006 נאָוועמבער
PRIX : 5 euros

Alain Kleinmann :
"Un Parcours"
Huile sur toile et matériaux.

אלען קליינמאַן :
" אַ דורכקוק "
אויל-בילד

# ייִדיש אין פּעטערבורג

## אינטערוויו פֿון ישׂראל נעקראַסאָוו
## אויפֿגענומען פֿון **מאַקס קאָהן** (פּאַריז)

דער לאַורעאַט פֿון פּאַריזער "מאַקס-צוקערמאַן-פּרײַז" 2006, פּראָפֿעסאָר מאַקס קאָהן איז מחבר פֿון צאָל ביכער און אַרטיקלען וווּ ער בינדט צו דער פּסיכאָאַנאַליזע צו דער מאַמע-לשון. מאַקס קאָהן האָט לעצטנס אַדורכגעפֿירט רײַזעס קיין עסטאָניע און רוסלאַנד און זיך באַגעגנט מיט די וואָס אין פֿאַרשידענע ערטער שטיצן דער ייִדישער שפּראַך. מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דעם אינטערוויו מיט ישׂראל נעקראַסאָוו וואָס פֿירט אָן מיט דער אויסגאַבע אין ייִדיש וואָס דערשײַנט אין סאַנקט-פּעטערבורג "דער נײַער פֿרײַנט".

**ישׂראל נעקראַסאָוו :**
כ'בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1970 אין פּעטערבורג, דעמאָלט לענינגראַד, רוסלאַנד, און וווין דאָ מײַן גאַנץ לעבן. געאַרבעט ווי אַ סטאָליער אויף פֿאַרשידענע פֿאַבריקן און זאַוואָדן (מיט סטאָלערײַ און אַנדערע בויאַרבעטן פֿאַרנעם איך זיך ביז הײַנט). אין 2004 האָב איך פֿאַרענדיקט דעם פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט בײַם פּעטערבורגער מלוכה-אוניווערסיטעט. איצט אַרבעט איך ווי אַ ייִדיש-לערער אין דעם זעלבן אוניווערסיטעט און אויך אין פּעטערבורגער יודאַיִקאַ-אינסטיטוט.
מײַנע אַרטיקלען זענען געווען געדרוקט אין "דער צוקונפֿט", "נײַע ווענן", "יוגנטרוף" און אינעם עלעקטראָנישן זשורנאַל "באַוועבטער ייִד" (BAVEBTER YID).

• **מאַקס קאָהן :** ווי אַזוי זענט איר געקומען צו ייִדיש?

• **ישׂראל נעקראַסאָוו :** אַ לאַנגע מעשׂה. בײַ מיר אין דער היים, האָט מען גערעדט אוודאי אויף רוסיש. אין ייִדיש האָב איך געהערט נאָר באַזונדערע ווערטער און פֿראַזעס, ווי בײַ אַלעמען אין אונדזער דור. אָבער איך האָב געפֿילט, אַז דאָס איז אונדזער שפּראַך, מיר



ישׂראל נעקראַסאָוו

האָט זיך געדוכט, אַז אונדז האָט מען באַגנבֿעט. אַלע האָבן געקענט רעדן אויף זייערע שפּראַך : די טאָטערן, די ליטווינער, די אַרמענער - און מיר נישט! מיר, איך, מײַנע פֿרײַנד - סײַ ייִדישע און סײַ רוסישע - האָבן איבערגעלייענט דעם גאַנצן שלום-עליכם אין רוסישן איבערזעצונג; נאָך עפּעס, שיקע דריז לידער, למשל, זײַ זײַנען זייער גוט איבערגעזעצט. אָבער מיר האָבן דאָך אוודאי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט אַלץ, נאָר אַ קליינער טייל. דאָס איז געווען אומגערעכט, אַז בײַ אונדז האָט מען צוגענומען אונדזער שפּראַך. איך בין געווען 14-15 יאָר אַלט דעמאָלט.
אין 1984 איז דערשינען זייער אַ גוטער רוסיש-ייִדישער ווערטער-בוך מיט אַ גראַמאַטישער בײַלאַגע. שפּעטער, אין 1989 : שמעון סאַנדלערס לערנבוך. דאָס איז שוין געווען אַ מעגלעכקייט צו לערנען זיך די שפּראַך. איך האָב צוויי פֿרײַנד, איינער וווינט דאָ, אין פּעטערבורג, דער צווייטער איז איצט אין ניו-יאָרק. מיר האָבן געפּרוווט צו שמועסן אויף ייִדיש. אין שול זײַנען געקומען עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט אויף ייִדיש : מיר האָבן גערעדט מיט זיי. דערנאָך האָב איך באַזוכט עטלעכע ייִדיש-פּראָגראַמען, אין ניו-יאָרק, אין ווילנע, אין ארץ-ישׂראל. אָבער דאָס איז געווען שפּעטער, די שפּראַך האָב איך דעמאָלט שוין מער אָדער ווייניקער געקענט.



פון לינקס : מאַקס קאָהן, ק. האַמפּעל,
ד"ר שמואל פּיסאַר, ראַפּי גאָלדוואַסער. פּאַריז 2005.

• מ. ק.: וואָס טוט איר געטוי מיט ייִדיש?

• י. נ.: ערשטנס, רעד איך ייִדיש ווען...איך האָב מיט וועמען. איך ריק אונטער די שפּראַך אין פּעטערבורגער יודאַיִקאַ-אינסטיטוט, ביים היסטאָרישן פֿאַקולטעט. אויפֿן פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט איז דאָרטן קיין ייִדיש נשטאָ; מען האַלט דאָרטן מסתמא, אַז ייִדישע פֿילאָלאָגיע קען זײַן אָן ייִדיש. אין פּעטערבורגער מלוכה-אוניווערסיטעט איז אויך פֿאַראַן אַ גרופּע סטודענטן, וואָס איך ריק אונטער. מיט מײַנע פֿרײַנד, יול מאַטוועיעוון און יורי בערקאָוויטשן, גיבן מיר אַרויס אַ זשורנאַל אין ייִדיש. ס'זײַנען דערוויַיל דערשינען צוויי נומערן. איצט גרייטן מיר אַ דריטן. אַלע מאַטעריאַלן זײַנען שוין געזאַמלט, זייער אינטערעסאַנטע; לויט מײַן מיינונג ס'איז פֿאַראַן אַ סך לייענער ממש איבער דער גאַנצער וועלט. מע דאַרף אָבער געפֿינען געלט; דאָס איז אַ צעשפּרייטע פּראָבלעם. אַ גרויסער שאָד, אויב דער נייסטער נומער וועט זײַן דער לעצטער.

אַ חוץ דעם שרייב איך ייִדיש, דרוק זיך אין פֿאַרשיידענע ייִדישע צײַטשריפֿטן. עפּעס האָב איך אויך איבערגעזעצט פֿון ייִדיש אויף רוסיש.

• מ. ק.: וואָס איז די סיטואַציע פֿון ייִדיש אין פּעטערבורג און אין רוסלאַנד בכלל?

• י. נ.: וועגן גאַנץ רוסלאַנד קען איך נישט זאָגן. וואָס שייך פּעטערבורג איז אין די שטאָט קיינמאָל נישט געווען קיין ייִדיש קולטור און שפּראַכנדיקע, כאָטש ייִדן זײַנען דאָ נישט ווייניק. אָבער דאָ רעדט ייִדיש נאָר דער ערשטער דור, די וואָס זענען געקומען פֿון ווײַסרוסלאַנד, פֿון אוקראַיִנע. אַ מענטש, וואָס ס'איז געבוירן געוואָרן אין פּעטערבורג און קען ייִדיש פֿון דער היים, איז אַן אויסנאַם, אַ גרויסע זעלטנקייט. אַזוי איז געווען אויך פֿריער, אין די צאַרישע און אין די סאָוועטישע צײַטן. אָבער ביז איצט זײַנען דאָ אין אונדזער שטאָט נישט אַזוי ווייניק עלטערע מענטשן, וועלכע געדענקען די שפּראַך זייער גוט און רעדן ייִדיש גערן, ווען ס'פֿאַלט אויס אַזאַ געלעגנהייט. פֿאַראַן אויך יונגע, וועלכע לערנען זיך ייִדיש ערנסט, אינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, ווילן לייענען די ליטעראַטור אין אָריגינאַל, האָבן ליב די ייִדישע פֿאָלקסמוזיק און אַזוי ווײַטער. איך האָב שוין דערציילט וועגן מײַנע סטודענטן, צום בײַשפּיל. מעג איך אָפּטימיסטיש זאָגן, אַז די לאַגע פֿון דער שפּראַך איז אין אונדזער שטאָט די בעסטע במשך פֿון די לעצטע פֿופֿציק יאָר.

• מ.ק.: וואָס מיינט איר וועגן דער צוקונפֿט פֿון ייִדיש אין רוסלאַנד?

• י. נ.: נו, איך האָב פֿאַרט די פֿילאָלאָגישע בילדונג, איז מיר נישט לײַכט צו מאַכן אַזעלכע נביאות. דער מצב פֿון אַ שפּראַך פֿון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט איז זייער שטאַרק אָפּהענגיק פֿון דער מלוכישער שפּראַך-פּאָליטיק. וואָס קען מען זאָגן וועגן דער שפּראַך-פּאָליטיק אין רוסלאַנד? זי איז נישט קיין גוטע און נישט קיין שלעכטע; די רוסלענדישע רעגירונג איז איצט פֿאַרנומען מיט אַנדערע פֿראַגן. קיינער העלפֿט אונדז נישט און קיינער שטערט נישט. הייסט עס, אַז די נאָענטסטע צוקונפֿט פֿון ייִדיש הענגט אָפּ קודם-כל פֿון אונדז אַליין. ווען מיר וועלן רעדן אונדזער לשון, וועט עס לעבן!

פּעטערבורג, 17טן אויגוסט 2006.

📖